# סצענע 15
# Escena 15

## געדאַנקען אונטער דער חופּה
## Reflexiones durante la ceremonia nupcial

גיטל - אוי, מײַן מאָטל, מײַן קינד... ער איז שוין דאָ מיט אונדז, אונטער דער חופּה... ער גייט אַוועק פֿון דער היים. איך האָף אַז רייזל וועט זײַן אַ גוטע באַלעבאָסטע.
מיר וועלן ווינען זייער נאָענט - מאָטל וועט קענען קומען עסן בײַ אונדז אַ פּאָר מאָל אַ וואָך... אוי ,וואָס פֿאַר אַ שיינע חתונה. די שול איז באַפּוצט מיט שיינע בלומען; מײַן קלייד איז פּרעכטיק און מײַנע שיך זײַנען אַזוי מאָדערן ! מממ, איך פֿיל זיך ווי אַ קראַסאַוויצע !

בערל - קיין- עין -הרע גוטע קינדער. אַ גוטע משפּחה ! מיר האָבן אַלע צוגעגרייט אַ פֿײַנע חתונה. איך בין זיכער אַז עס וועט זײַן אַ שיינע שׂמחה. גוטע מאכלים, גוטע מוזיק...
און די קינדער וועלן האָבן אַ גוט לעבן, מיט גליק און מיט מזל.
זיי וועלן האָבן אַ פֿײַנע חתונה-נסיעה... זיי וועלן ווינען אין אַ שיינער דירה. מממ, גוט פּלאַנירט !

גיסע-ביילע - אַ גראָטענער בחור, אַ זיס מיידל און אַ גוטער שידוך...
נו, ווער וואָלט עס געקענט גלייבן: אַ דאַנק אַ ביסל געפֿילטע פֿיש מיט כריין און זויערע אוגערקעס זײַנען די צוויי הײַנט צוזאַמען ... אַ שיין פּאָרל... מײַן שיין, גוט אייניקל. הײַנט איז דײַן חתונה. און אַלץ אַ דאַנק די גוטע ייִדישע מאכלים.

גאָלדע - מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק, זײַנען מיר אויך געווען דאָ אין שול מײַן מאַמע, מײַן טאַטע, מײַן חתן (מײַן יאָסל), און איך, די כּלה. הײַנט זײַנען מיר אַלע דאָ נאָך אַ מאָל בײַ דער חופּה...אָבער הײַנט מיט מײַן טאָכטער , מײַן קליינטשינקע... און זי איז אַזוי שיין... אַ שיין פּנים, אַ שיינע פֿריזור, אין אַ

שיין קלייד, מיט שיינע שיך... טפֿו, טפֿו, טפֿו, קיין -עין -הרע.
און  מיַין איידעם איז אַזוי עלעגאַנט. אוי אַ שידוך פֿון הימל.

יאָסל - מיַין ליאַלקע איז שוין דאָ. זי זעט אויס ווי אַ מלאך... אָט, אָט,
וועט זי זיַין אַ יונג ווייַבל.  זי גייט אַוועק פֿון דער היים.  אוי,
מיַין טאָכטער, איך וועל בענקען נאָך דיר... אַ גוט לעבן
וועסטו האָבן מיט מאָטלען... אַ ווילער בחור איז ער.  ער
איז שטאַרק און געזונט.  ער האָט ליב זיַין אַרבעט... איך בין
זיכער אַז ער וועט קענען מאַכן אַ לעבן...

מאָטל - איך בין אַזוי פֿאַרליבט... און אַזוי נערוועז... דער טאָג איז
שוין געקומען, איך וועל אָנהייבן מיַין אייגענע משפּחה, מיט
מיַין אייגן וויַיב און מיַינע אייגענע קינדער... צוויי, דריַי,
פֿיר, ווער ווייסט, איך וועל מוזן אַרבעטן מער, אָבער עס
אַרט מיך נישט, עס וועט זיַין אַ פֿאַרגעניגן; מיט אַזאַ שיין
און אינטעליגענט מיידל.  און אירע עלטערן זיַינען
איַינגענעמע מענטשן.  און אַ ברודער...  ער עסט אַ ביסל צו
פֿיל, אָבער אַ סימפּאַטישער איז ער.  מיַינע פֿריַינד האָבן זי
אויך ליב, און זי קאָכט אַזוינע גוטע ייִדישע מאכלים !!!

רייזל - היַינט איז מיַין שׂמחה. אונדזער שׂמחה...איך קוק אויפֿן רבֿ
און אויפֿן חזן, און איך קען עס נישט גלייבן.  איך בין דאָ,
אין שול, מיט מיַין משפּחה, מיַינע פֿריַינד און מיַין
באַשערטער...
ער איז אַזוי ראָמאַנטיש און אַזוי זיס.   כאַ, כאַ, מיַינע
חבֿרטעס זיַינען מיר אַזוי מקנא... איך האָף אַז זיי וועלן
אויך געפֿינען עמעצער ווי מיַין מאָטל.  אַ דאַנק טאַטע -
מאַמע; איר זיַיט גוטע עלטערן.  אַ דאַנק ,טיַיערע באָבע וואָס
דו האָסט מיר אויסגעלערנט קאָכן.  אַ דאַנק ,
זיידע, איך האָב דיך אַזוי ליב... אוי ! און מאָרגן הייבט זיך אָן
מיַין חתונה-נסיעה !  דאָס איז פּשוט גן-עדן, דאָס גרעסטע
גליק !!!

זעליג - מיַין קליין רייזעלע שטייט שוין אונטער דער חופּה, און מיר
זיַינען ,דאַנקען גאָט, אַלע צוזאַמען: מיַין גיסע-ביילע, מיַין

גאָלדע מיט איר מאַן, מייַן אייניקל מענדל, מאָטלס משפּחה...און איך מיט זיי אַלעמען מיט געזונט און פֿרייד. אוי גאָט, גאָט, די משפּחה וואַקסט... און אפֿשר וועלן מיר דערלעבן צו האָבן אוראייניקלעך ! אויב מייַנע עלטערן וואָלטן עס געזען אין שטעטל, וואָלטן זיי עס נישט געקענט גלייבן: אַזוי פֿיל נחת, אַזוי פֿיל גליק, אוי גאָטעניו, גאָטעניו... אַ דאַנק !

ציווקע - זע נאָר מייַן ברודער מאָטל, ער גייט שוין חתונה האָבן: מיט אַ שיינער כּלה, אין אַן עלעגאַנטן אָנצוג, אַ צוגעפּאַסטן קראַוואַט, מאָדערנע שיך... רייזל וועט זייַן אַזוי צופֿרידן... איך בין זיכער אַז זי וועט זייַן אַ גוטע שוועגערין און זי וועט מיר אויסלערנען קאָכן אַ פּאָר גוטע ייִדישע מאכלים... סוף -כּל- סוף וועל איך זען מאָטלען און רייזלען טאַנצן צוזאַמען ! איך האָף אַז מייַנע חבֿרים וועלן קומען אויף דער חתונה, איך וויל אויך טאַנצן און אפֿשר... אפֿשר וועל איך הייַנט אויך געפֿינען אַ חתן !